**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/3/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט $23.2 ביליאן פאר קאפיטאל פראיעקטן אלץ טייל פונעם שטייעריאר 2024 בודזשעט

***אריינגערעכנט $2.4 ביליאן פאר SUNY און CUNY טראנספארמאציע, אויפהאלטן און אויפהיטונג פראיעקטן***

***כמעט 7.1 ביליאן דאלאר פאר דעם צווייטן יאר פון א רעקארד-הויכע $32.9 ביליאן פינף-יעריגע פלאן פון דער DOT***

**$1.7 ביליאן צו גענצלעך פינאנסירן די נייע וואדסווערט העלט פאסיליטי**

**$890 מיליאן פאר גייסטישע העלט הייזער פארברייטערונג**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן א $23.2 ביליאן קאפיטל אינוועסטירונג אין הויפט פראיעקטן איבער ניו יארק אלץ טייל פון דעם שטייעריאר 2024 בודזשעט. דאס רעכנט אריין היסטארישע אינוועסטירונגען אין טראנספארטאציע, עדיוקעישן, האוזינג, העלטקעיר און אנדערע איפראסטרוקטורע פראיעקטן אין קאמיוניטיס דורכאויס ניו יארק.

"פון פארריכטן אונדזערע בריקן צו אינוועסטירן אין עדיוקעישן און העלטקעיר, טוט דער בודזשעט פריאריטיזירן די געברויכן פון אונדזער קאמיוניטיס בשעת מיר טוען ווייטער אויפבויען א בעסערע ניו יארק פאר אלעמען,"**האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך מאכן וויכטיגע אינוועסטירונגען אין הויפט קאפיטל פראיעקטן איבער דער סטעיט, שטעלן מיר אוועק די יסודות פאר א שטערקערע, מער סטאבילע צוקונפט פער יעדע ניו יארקער."

בעת, מאכן וויכטיגע אינוועסטירונגען אויפצוהיטן און פארבעסערן די סטעיטס אינפראסטרוקטור, טוט דער גאווערנערס פלאן אויפהאלטן צוגענגלעכקייט דורך אויסניצן פעדעראלע אינפראסטרוקטורע געלטער און אוטיליזירן PAYGO רעסורסן (מזומן) צו אנקעגנוועגן דעם ארויסלאז פון באנדס.

**<u>הויפט קאפיטל אינוועסטירונגען אין דעם</u> <u>שטייעריאר 2024 סטעיט בודזשעט רעכענט אריין:</u>**

- כמעט **7.1 ביליאן דאלאר** פאר דעם צווייטן יאר פון א רעקארד-הויכע $32.9 ביליאן פינף-יעריגע פלאן פון דער DOT, וואס רעכנט אריין:
  - **- $1.3 ביליאן** אין לאקאלע געלטער פאר וועג און בריק פראיעקטן, וואס איז כמעט אן 80 פראצענט העכערונג אין פינאנצירונג פאר געגנטער איבער די לעצטע דריי יאר.

- **$417 מיליאן** פאר בראנקס ריווער בריק פארבייט צו פארבעסערן זיכערקייט און באקוועמלעכקייט פאר דרייווערס אויף דער בראנקס ריווער פארקוועי.
- **$43 מיליאן** צו פארבייטן דעם US רוט 20 בריק איבער קאזענאוויע קריק אין דעם שטעטל פון עלמא און מערב סענעקא.
- **$51 מיליאן** פאר פארשידענע הודסאן וועלי בריק ריהאביליטירונגען און פארבייטונגען.

- **$2.4 ביליאן** צו טראנספארמירן, אויפהאלטן און אנהאלטן פראיעקטן אין SUNY און CUNY קאמפוסעס.
- **$1.7 ביליאן** צו גענצלעך פינאנצירן די נייע וואדסווערט העלט פאסיליטי -- א טעכנאלאגישע פארגעשריטענע פובליק געזונטהייט לאבאראטאריע אינעם הערימען סטעיט אפיס קאמפוס קאמפלעקס אין אלבאני וואס וועט באדינען ניו יארק סטעיט׳ס פובליק געזונטהייט געברויכן.
- **$1 ביליאן** אין עלעקטעיר קאפיטל צו שאפן א שטערקערע עלעקטעיר סיסטעם פאר דער צוקונפט.
- **$890 מיליאן** פאר גייסטישע העלט הייזער פארברייטערונג.
- **$500 מיליאן** אין גרענטס צו העלפן צושטעלן ריינע וואסער פאר ניו יארק קאמיוניטיס. די רונדע פון פינאנצירוג פארענדיגט א $5 ביליאן, מולטי-יעריגע התחייבות.
- **$455 מיליאן** אין קאפיטאל אויטאריטעט פאר דער בעלמאנט איבער-אנטוויקלונג פראיעקט.
- **$400 מיליאן** פארן ענווייראנמענטאל פראטעקציע פונד, וואס איז אויסגעהאלטן מיטן פאריעריגן בודזשעט - די העכסטע בינדונג אין היסטאריע.
- **$224 מיליאן** צו פינאנצירן דעם צפון בערג סטעטן איילענד כוואליע-ברעכער.
- **$150 מיליאן** פאר די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס.
- **$135 מיליאן** ניו יארק סיטי האָוזינג אויטאריטעט.
- **$105 מיליאן** צו פארבעסערן די סטעיט עמערדשענסי אפעראציעס צענטער, וועלכע דינט אלס א צענטראליזירטע לאקאציע וואו דער סטעיטס עמערדשענסי גרייטקייט און רעאקציע אקטיוויטעטן ווערן קאארדינירט פאר אלע גרויסע עמערדזשענסיס.
- **$100 מיליאן דאלער** צו קויפן און איבערמאכן א נייע סאטעלייט פארברעכן לאבראטאריע פאר די סטעיט פאליציי. דער נייער פאסיליטי וועט עלימינירן איבערגעלאדנטקייט ביי די פארענסיק אינוועסטיגעישאן צענטער און צושטעלן פלאץ פאר אנטי-ביקס פארברעכן אינציאטיוון.
- **$50 מיליאן**, פאר א היים-אייגנטימער סטאביליזאציע פונד צו פינאנצירן 10 קאמיוניטיס איבער דער סטעיט וועלכע זענען אידענטיפיצירט געווארן אלס האבן א הויכע שטאפל פון נידריגע-הכנסה היים אייגנטימער פון קאליר און היים אייגנטומער שוועריגקייטן.  די פראגראם איז געמוסטערט אויף דער $10 מיליאן בופאלא מזרח היים-אייגנטימער פארבעסערונג פראגראם, אנאנסירט ביי גאווערנער האקול[אין יולי 2022](), וואס האט צוגעטיילט פרעמיעס ביז $35,000 פאר נידעריגע-הכנסה היים-אייגנטימער אין קאמיוניטיס פון פארב.
- **$30 מיליאן** אין סך הכל פינאנצירונג צו שטיצן ניו יארק זאָאָען, באטאנישע גערטנער און אקווואריומס. דאס רעכענט אריין $20 מיליאן פון די $400 מיליאן פאר דער ענווייראנמענטאל פראטעקציע פונד וואס איז נכלל אין דעם שטייעריאר 2024 בודזשעט.
- **$17.5 מיליאן** פאר דעם ענדגילטיגן אויסשטעל און קאנסטרוקציע פון דער מאמאראנעק און שעלדרעיק טייך ריזיקע פארוואלטונג פראיעקט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418